**אפט געפרעגטע פראגעס: נאן-רעספאנס פאלא-אפ (נאכגיין די משפחות וואס האבן נישט געענטפערט)**

### וואס איז צענזוס נאכפאלגונג פאר די וואס האבן נישט געענטפערט (Census Nonresponse Follow-up, NRFU)?

- ביז יעצט, האבן מענטשן אויסגעפולט דעם צענזוס אנליין, דורך פאסט, אדער דורכן טעלעפאן.
- נאן-רעספאנס פאלא-אפ (NRFU) איז ווען צענזוס באאמטע באזוכן אלע משפחות וואס האבן נאך נישט אויסגעפילט דעם צענזוס.

### ווען הויבט זיך אן נאן-רעספאנס פאלא-אפ, און ווען ענדיגט זיך עס?

- אין ניו יארק סיטי וועט זיך נאן-רעספאנס פאלא-אפ אנהייבן אזוי פרי ווי ט"ז אב, אוגוסט 6.
- אויף א שטארקן פארנעם וועט זיך דאס אנהויבן אום כ"א אב, אוגוסט 11, 2020.
- עס וועט זיך אצינד ענדיגן אום י"ב תשרי, סעפטעמבער 30.

### פארוואס הויבט זיך NRFU אן אזוי שפעט דאס יאר?

- צוליב COVID-19, האט די US צענזוס ביורא געדארפט אפשטופן דעם פראצעדור. דער אנהויב פון NRFU איז געררוקט געווארן פון אינמיטן מאי צו אינמיטן אוגוסט.
- די דעד-ליין ביז ווען איר קענט נאך אלס ענטפערן אנליין אדער דורכן טעלעפאן איז אויך געווארן אפגעשטופט פון יולי 31 ביז סעפטעמבער 30, 2020.

### קען איך נאך אלס אויספולן דעם צענזוס אפילו נאך NRFU הויבט זיך אן?

- יא, דורכאויס NRFU קענט איר נאך אלס אליין אויספילן דעם צענזוס אנליין אויף My2020Census.gov, אדער דורכן טעלעפאן אויף 1-844-330-2020 אדער דורך די פאסט.
- למעשה, זאלן אלע ניו יארקער אליין אויספולן דעם צענזוס **יעצט**.

### וואס איז אויב איך וויל נישט אז א צענזוס באאמטער זאלן קומען צו מיין היים?

- אויב אירווילט נישט אז א צענזוס באאמטער זאל קלאפן אויף אייער טיר, זאלט איר ענטפערן דעם צענזוס אנליין, דורכן טעלעפאן, אדער דורך די פאסט בעפאר כ"א אב, אוגוסט 11.
- אויב איר פילט עס אליין אויס איינגאנצן, וועט איר מן הסתמא נישט באקומען קיין קלאפ אויף אייער טיר.

### וואס איז אויב איך וויל נישט רעדן צו איינעם פנים-צו-פנים צוליב COVID-19?

- אויב איר ווילט נישט רעדן מיט דעם באאמטען פערזענליך, קענט איר געבן פארן צענזוס באאמטער אייער טעלעפאן נומער כדי עס אויסצופילן איבערן טעלעפאן.
- אלע ענטפערס אויפן צענזוס זענען גענצליך געהיים און באשיצט דורך פעדעראלע געזעץ.

- דער צענזוס באאמטער און דער צענזוס ביורא קען נישט מיטטיילן אייערע ענטפערס מיט קיינעם - נישט אימיגראציע; נישט די פאליציי; נישט אייער לענדלארד; אפילו נישט מיט ניו יארק סיטי.

**ווי אזוי ווען די צענזוס באאמטער פארזיכערן אז זיי לייגן נישט קיין קאמיוניטיס אין געפאר פון COVID-19?**

- אלע צענזוס באאמטע דארפן דורכגיין טרעינירונג אויף סאשעל דיסטענסינג און אנדערע געזונטהייט און זיכערהייט פראטאקאלן איידערן אנהויבן זייער ארבעט אין די געגנטער. בפרטיות, וועלן די צענזוס באאמטע זיין טרעינירט צו:
    - שטענדיג טראגן א מאסקע
    - קיינמאל אריינגיין אין אייער היים
    - בלייבן 6 פיס אפגערוקט ביים דורכפירן אינטערוויוס
    - זיך האלטן גאר ריין, אזוי ווי וואכן די הענט אפט וכדו'
    - מען וועט זיי געבן הענד סעניטייזער
    - זיי וועלן נישט גיין צו דער ארבעט אויב זיי שפירן זיך נישט גוט

**וואס איז אויב דער צענזוס באאמטער רעדט נישט די שפראך פון מיין הויזגעזונד?**

- אויב דער צענזוס באאמטער רעדט נישט אייער שפראך, קענט איר פארלאנגען נאך א באזוך פון א צענזוס באאמטער וואס רעדט יא אייער שפראך.
- צענזוס באאמטער האבן אויך מאטריאלן מיט זיך צו העלפן אידענטיפיצירן אייער הויזגעזינד'ס שפראך.
    - צום ביישפיל, איר וועט קענען ווייזן מיטן פינגער אויף א שפראך וואס שטייט אויף א קארטל צו זאגן פארן צענזוס באאמטער וועלכע שפראך איר רעדט
- עס זענען פארהאן שפראך וועגווייזערס און ווידעאס אנליין אין 59 שפראכן אויסער ענגליש, אריינגערעכנט אמעריקאנער שטום לשון און ברעיל און גרויסע דרוק, אייך צו העלפן אויספילן דעם 2020 צענזוס. https://2020census.gov/en/languages.html
- די צענזוס הילף צענטערן האבן א שטאב וואס קענען אייך העלפן אין 13 שפראכן. https://2020census.gov/en/contact-us.html

**ווי אזוי קען מען אידענטיפיצירן א U.S. צענזוס ביורא באאמטער?**

- אויב א צענזוס באאמטער באזוכט אייער היים, צום ערשט קוקט גוט צו מאכן זיכער אז זיי האבן א גילטיגע ID בעדזש מיט זייער בילד, א U.S. Department of Commerce וואטערמארק, און א דאטום ביז ווען עס איז גילטיג.
- איר קענט אויך רופן 212-882-7100 צו רעדן מיט א צענזוס ביורא פארטרעטער און אידענטיפיצירן דעם מענטש ביי אייער טיר.
- איר קענט זיך בעסער פארזיכערן נישט צו האבן א צענזוס באאמטער באזוכן אייער היים - אויב איר פילט אליין אויס דעם צענזוס גענצליך און פונקטליך.

- פאלגט אויס די לינקס געוואר צו ווערן מער וועגן צענזוס באאמטע און ווי אזוי מען קען זיי אידענטיפיצירן.

**דענען פארהאן געוויסע פראגעס וואס צענזוס באאמטע דארפן נישט צו פרעגן?**

- **צענזוס באאמטע וועלן קיינמאל נישט פרעגן וועגן:**
  - אימיגראציע סטאטוס אדער א בירגערשאפט פראגע
  - אייער דרייווער'ס לייסענס אדער סטעיט ID
  - אייער סאשעל סעקיוריטי אדער ITIN נומער
  - אייער באנק קאנטע אדער קרעדיט קארטל נומערן
  - סיי וואס אין נאמען פון א פאליטישע פארטיי
  - געלט אדער נדבות
- אויב איר קלערט אז איינער האט זיך געווענדן צו אייך און זיי זענען נישט קיין עכטע צענזוס באאמטער, ביטע באריכט דאס צום אפיס פון נייע אמעריקאנער האטליין וואס קענען אייך העלפן אויף פילע שפראכן, אויף 1-800-566-7636.

**איז פארזיכערט פאר מיר צו רעדן צום צענזוס באאמטער אויב איך בין נישט דאקומענטירט?**

- דאס איז נישט קיין פראבלעם. דער צענזוס פרעגט נישט איבער אייער אימיגראציע סטאטוס אדער סיי וועלכע פראגע וועגן בירגערשאפט.
- אייערע ענטפערס קענען נישט ווערן מיטגעטיילט מיט אימיגראציע אויטאריטעטן, די פאליציי, אדער סיי וועלכע אנדערע געזעץ פארסירונג אגענטור.

**ווי אזוי ווייס איך אז א צענזוס באאמטער וועט האלטן מיין אינפארמאציע פארזיכערט?**

- צענזוס באאמטע וועט האלטן אייער אינפארמאציע פארזיכערט.
- צענזוס ביורא באאמטע ווערן פארלאנגט דורכן געזעץ צו האלטן אייער אינפארמאציע געהיים, אונטער פעדעראלע געזעץ.
- אויב זיי פארלעצן טייטל 13, קענען זיי אויסשטיין ביז 5 יאר טורמע און א געלט-שטראף ביז $250,000.

**פון וואו קומען צענזוס באאמטע?**

- צענזוס באאמטע זענען ניו יארקער איינוואוינער. זיי ווערן אויפגענומען פון לאקאלע געגנטער און ארבעטן אפט אין די זעלבע קאמיוניטיס וואו זיי וואוינען. אייער צענזוס באאמטער קען מעגליך וואוינען בלויז עטליכע גאסן אוועק פון אייך און קען אפילו זיין אייער שכן.

**ווי אזוי וועל איך וויסן אויב א צענזוס באאמטער איז געווען ביי מיין הויז אויב איך בין נישט אינדערהיים אדער ביי דער ארבעט?**

- אויב קיינער איז נישט אינדערהיים ווען דער צענזוס באאמטער קומט, וועט דער צענזוס באאמטער לאזן א צעטל אז זיי זענען דא געווען. דער צעטל וועט האבן אינפארמאציע איבער ווי אזוי אויס צו פילן דעם צענזוס אנליין, דורכן טעלעפאן אדער דורך פאסט.
- איר קענט רופן 212-882-7100 צו באשטעטיגן די עמפלוימענט סטאטוס פון א צענזוס באאמטער.

**וואס פאסירט אויב איך ענטפער נישט גענצליך א צענזוס באאמטער'ס פראגע אדער איך היפ איבער געוויסע פראגעס אינגאנצן? וועט זיין עפעס א נאכפאלגונג פון אן אנדערער צענזוס באאמטער?**

- יעדע הויזגעזונד זאל פרובירן אויסצופילן דעם צענזוס געגצליך. אבער אויב איר ווייסט נישט דעם ענטפער אדער איר וואלט געוואלט איבערהיפן געוויסע פראגעס, וועט דער צענזוס באאמטער פארזעצן דעם אינטערוויו.
- א פאר פראגן זענען דא וואס איר מוזט ענטפערן: אייער אדרעס, נאמען, און וויפיל מענטשן זענען אין אייער הויזגעזונד.
- עס זענען דא א מינימאלע צאל פראגעס וואס מוזן ווערן געענטפערט כדי דער פארם זאל ווערן באטראכט אלס "אויסגעפילט".
- ווי מער פראגעס איר ענטפערט, זענט איר מער פארזיכערט אז מ'וועט נישט קומען נאכאמאל צו אייך קלאפן אויפן טיר.
- דער דזשענדער פראגע מעג ווערן איבערגעהיפט.
- צענזוס באאמטע וועלן זאמלען אינפארמאציע פאר אלע מענטשן וואס וואוינען אינעם הויז. זיי וועלן אייך בעטן צו באריכטן יעדער וואס וואוינט אין אייער הויז, אפילו אויב מען איז נישט קיין קרוב מיט יענעם.
- איר זאלט מיטטיילן אינפארמאציע פון יעדער וואס וואוינט אינעם הויז. אויב איר קענט נישט צושטעלן קיין אינפארמאציע וועגן אן אנדערע פאמיליע וואס וואוינט אין אייער היים, דאן דארף יענע אנדערע פאמיליע אויך אויספילן דעם צענזוס אנליין, דורכן טעלעפאן, אדער דורך פאסט.

**קען מיין קינד (אונטער 18 יאר אלט) דינען אלס אן איבערזעצער אויב מיין צענזוס באאמטער רעדט נישט מיין ערשטע שפראך? אדער וועט אן אנדערער צענזוס באאמטער דארפן צוריק קומען צו זאמלען מיינע ענטפערס?**

- יא, א קינד קען זיין אן איבערזעצער פאר זייערע עלטערן. אויב קיינער איז נישט אוועילעבל צו העלפן איבערזעצן און עס איז דא א שפראך באגרעניצונג, וועט דער צענזוס באאמטער אריבער שיקן דעם קעיס צו איינער וואס רעדט דעם שפראך.

**פאר מענטשן וואס האבן זיך אריבערגעצויגן אינדרויסן פון NYC דורכאויס COVID-19 און האבן אויסגעפולט זייער צענזוס שרייבנדיג א צווייטער, נישט-NYC אדרעס, אלס זייער הויפט היים, ווי אזוי קענען זיי טוישן זייערע ענטפערס און שרייבן אז זיי וואוינען אייגנטליך יא אין NYC?**

- איר קענט נישט טוישן א צענזוס ענטפער וואס איר האט שוין געשיקט. אויב איר האט אויסגעפילט דעם צענזוס אין אן אנדערע פלאץ, וועט איר דארפן אויספילן דעם צענזוס נאכאמאל פארן הויזגעזונד ווי איר פארברענגט געווענליך רוב פון אייער צייט (פון אפריל 1, 2020).
- מענטשן קענען אריינגעבן מערערע ענטפערס. דער צענזוס ביורא האט א וועג פון מאכן זיכער אז איר וועט נישט גערעכנט ווערן צוויי מאל.
- דער צענזוס ביורא דארף נאך אלץ אן אויסגעפילטע ענטפער פאר ביידע האוזינג יוניטס. דאס רעכנט אריין סעזאן היימען וואס זענען יעצט ליידיג. [דער צענזוס ביורא האט א פלוג-בלעטל צו העלפן ערקלערן דעם פראצעדור מיט מער פרטים].

**וויפיל מאל וועט א צענזוס באאמטער קומען צו מיין היים? ווי אפט וועלן זיי זיך באווייזן?**

- צענזוס באאמטע וועלן פרובירן אנצוקומען צו אייך מערערע מאל ווען איר זענט ווארשיינליך אינדערהיים. זיי דארפן באקומען אן ענטפער פון יעדע האוזינג יוניט.
- נאכדעם וואס א הויזגעזונד האט פארענדיגט דעם צענזוס, קענען זיין נאך באזוכן כדי זיכער צו מאכן אז זיי האבן אלע אינפארמאציע וואס זיי דארפן.
- באזוכן קענען פאסירן דורכאויס נעכט און וויקענדס.

**וואס פאסירט אויב איך רעאגיר נישט צו קיין איינע פון די צענזוס באאמטער'ס פרואבעס? וועט די צענזוס ביורא נאך אלס קענען באקומען מיין אינפארמאציע?**

- צענזוס באאמטע קענען באקומען אינפארמאציע פון אנדערע מענטשן (אזוי ווי אייערע שכנים), אבער דאס איז זייער לעצטע ברירה און עס איז געווענליך ווייניגער פונקטליך.
    - עס ווערט געשאצט אז אומגעפער 15 פראצענט פון די באפעלקערונג ווערט "פארשוואונדן" דורכאויס דעם פראצעדור, וואס דאס ווערט אנגערופן אימפיוטעישאן. דאס מיינט אז די געלטער וואס אייערע זיידע אדער קינד דארף באקומען קען מעגליך נישט קומען צו אייער געגנט אויב דער צענזוס ווערט נישט געהעריג אויסגעפילט. געדענקט אז דער צענזוס באשטימט $1.5 טריליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער פאר שולעס, שפיטעלער, און סיניער צענטערן.
- אין צוגאב, די צענזוס ביורא קען דארפן נוצן אנדערע עקזיסטירנדע רעגירונג רעקארדס פאר משפחות וואס ענטפערן נישט.

**קען איך רעדן מיטן צענזוס באאמטער דורכן טיר?**

- איר קענט דאס טון, אבער איר וואלט מעגליך געוואלט לאזן די טיר אביסל אפן כדי נישט צו מיטטיילן אינפארמאציע צו הויך. צענזוס באאמטע וועלן האבן צענזוס אידענטיפיקאציע און טראגן א מאסקע.
- איר קענט אויך בעטן צו מאכן דעם אינטערוויו אין אן אנדערן פלאץ, אריינגערעכנט אינדרויסן.
- מיר דערמאנען אייך אז איר קענט אויך אויספילן אייער צענזוס פארם אנליין אדער דורכן טעלעפאן.

**וועט דער צענזוס ביורא זיך פארבינדן מיט מיין פראפערטי מענעדזשער איידער צענזוס באאמטע קומען?**

- ווען עס איז מעגליך, וועלן צענזוס באאמטע זיך פארבינדן מיט פראפערטי מענעדזשערס איידער אדער בשעת זיי פירן דורך אינטערוויוס. דאס איז כדי זיי זאלן קענען פארזיכערן אז זיי קומען אן צו יעדע הויזגעזונד.

**וועלן מערערע צענזוס באאמטע געשיקט ווערן צו איין געביידע?**

- יא.

**ווי אזוי וועט מיין שומר הפתח וויסן אריינצולאזן דעם צענזוס באאמטער?**

- אלע צענזוס באאמטע טראגן גילטיגע צענזוס אידענטיפיקאציע.

**וואס איז מיט בעיסמענט אפארטמענטס? ווי אזוי וייסן צענזוס באאמטע ווי אזוי דורכצוגיין, ספעציעל אומלעגאל צעטיילטע יוניטס?**

- צענזוס באאמטע זענען טרענירט צו טרעפן אלע מעגליכע האוזינג יוניטס ביי יעדע אדרעס. עס איז נישט קיין חילוק אויב אן אפארטמענט איז לעגאל אדער נישט, ווער איז אויפן ליעס, אדער סיי וועלכע אנדערע זאך -- דער עיקר איז אויב מענטשן וואוינען דארט.

**וועלן צענזוס באאמטע אויספאלגן מיין געביידע'ס רעגולאציעס? מיין געביידע קען פארלאנגען אז דער צענזוס באאמטער זאל זיך טרעפן מיט מענטשן אין די לאבי אדער אן עפנטליכע פלאץ און וועט מעגליך נישט ערלויבן דעם צענזוס באאמטער ארומצוגיין פריי דורכאויס די געביידע.**

- צענזוס באאמטע וועלן אויספאלגן סטעיט און לאקאלע געזונטהייט אנווייזונגען. צענזוס באאמטע וועלן שטענדיג טראגן א מאסקע. זיי וועלן טון דאס בעסטע אויסצופאלגן געביידע רעגולאציעס וואס זענען איינגעפירט.

**ווי אזוי פלאנירט NYCHA צו באהאנדלען צענזוס באאמטע? וואספארא אנווייזונגען געבט NYCHA פאר פראפערטי מענעדזשערס, טענענט פירערס, און טענענטס?**

- NYCHA מאכט זיכער אז יעדער האט די אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו קאאפערירן מיט די 2020 צענזוס. פראפערטי מענעדזשערס, טענענט פירערס, און טענענטס ווערן געמאלדן וועגן די צייט אפשניט פאר NRFU, וואס זיי דארפן טון, ווי אזוי די צענזוס ביורא פארזיכערט געזונטהייט דורכאויס COVID-19, און ווי אזוי צו פארמיידן שווינדלער.
- זייט הערבסט 2019, האט NYCHA אנגעהויבן באקאנט מאכן פאר טענענטס ווי אזוי אויסצופילן דעם צענזוס אנליין אדער דורכן טעלעפאן דורך לעקציעס, א בריוו פאר אלע הויזגעזינדן, נייעס-בריוולעך, סאשעל מידיע, און פארבינדונג דורך טענענט פירער. NYCHA וועט ווייטער מוטיגן אויסצופילן דעם

צענזוס אנליין אלס דער זיכערסטער וועג אנטיילצונעמען אינעם 2020 צענזוס אין ליכט פונעם COVID-19 פאנדעמיק.

**קענט איר צייגן א בילד פון ווי אזוי א צענזוס באאמטער'ס בעדזש זעט אויס כדי מען זאל וויסן?**

- דער צענזוס ביורא טיילט נישט מיט דעם סארט בילד מיט דרויסנדיגע גרופעס צוליב זיכערהייט זארגן.
- פונדעסטוועגן, צענזוס באאמטע וועלן טראגן אידענטיפיקאציע וואס נעמט אריין זייער נאמען, זייער בילד, א דעפארטמענט אוו קאמערס וואטערמארק, און אן אפלויף דאטום (Expiration date).
- איר קענט אויך רופן 212-882-7100 צו זען אויב דער וואס שטייט ביים טיר איז אן אפיציעלע צענזוס באאמטער.

**וואס איז דער טעלעפאן נומער וואס ניו יארקער איינוואוינער זאלן רופן צו באשטעטיגן אז א טיר-קלאפער איז טאקע א צענזוס באאמטער?**

- צוערשט קוקט אויב זיי טראגן זייער גילטיגע צענזוס אידענטיפיקאציע. דאן רופט 212-882-7100 צו זען אויב זיי זענען אן אפיציעלע צענזוס באאמטער.

**וועט זיין א ציילונג פון מענטשן וואס גייען דורך היימלאזיגקייט וואס וואוינען אינדרויסן פון שעלטער? וועט זיך דאס אנהויבן אום סעפטעמבער 22 לויט די פאקט-בלאט?**

- דער צענזוס ביורא האט א ספעציעלע פונקציע דערפאר. עס איז פון סעפטעמבער 22 ביז 24.

**וועלן די ענטפערס וואס ווערן געזאמלט דורך צענזוס באאמטע ווערן געציילט אין NYC'ס "זעלבסט-ענטפערן" ראטע טראץ די צענזוס באאמטערס' אנטיילנעמונג?**

- ענטפערס וואס ווערן געזאמלט דורך צענזוס באאמטע וועלן ווערן געציילט צו NYC'ס באפעלקערונג ציילונג, אבער וועלן זיך נישט ציילן צו א זעלבסט-ענטפערן ראטע.

**קענט איר צושטעלן א קאפיע פון די צעטלעך וואס צענזוס באאמטער וועלן לאזן הונטער זיך אין פאל זיי קענען נישט דערגרייכן א הויזגעזונד?**

- ביטע זעט א ביישפיל מעלדונג פון באזוך דא.-

**וועלן רוב צענזוס באאמטע זיין פון ניו יארק סיטי?**

- יא, רוב צענזוס באאמטע וואס ארבעטן אין NYC וואוינען אין NYC.